**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט סליפּי האַלאָו און קארנוואל אלץ מיד-האדסאן ראיאן געווינער פון ערשטע רונדע פון NY FORWARD פראגראם**

***ווילעדזשע אָוו סליפּי האַלאָו און טאון אָוו קארנוואל צו באקומען 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע***

***נייער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם בויט אויף שוואונג פון ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ווילעדזש אָוו סליפּי האַלאָו און די טאון אָוו קארנוואל צוזאמען מיט די ווילעדזש אָוו קארנוואל-אָן-האדסאן וועלן באקומען יעדע איינע 4.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלץ די צווי מיד-האדסאן ראיאן געווינער פון די ערשטע רונדע פון NY Forward (ניו יארק פאראויס). ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע 'אומר ועושה' סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. דורכאויס די ערשטע רונדע פון NY Forward וועלן צווי ביז דריי גרענטס פארטיילט ווערן פאר קלענערע קאמיוניטיס אין יעדע איינס פון די סטעיט'ס צען עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צו שטיצן אנטוויקלונג און איינפירונג פון שטאט-צענטער אויפלעבונג פלענער. אלץ טייל פון די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן 100 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן נאך א רונדע פון NY Forward.

"מיר העלפן קליינע שטעטלעך און שטעט ארום אונזער סטעיט בויען א בעסערע צוקונפט פאר ניו יארקער דורך אונזער NY Forward פראגראם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרענטס וועלן העלפן די ווילעדזש אָוו סליפּי האַלאָו און די טאון אָוו קארנוואל און די ווילעדזש אָוו קארנוואל-אָן-האדסאן צו אנטוויקלען זייערע שטאטישע צענטערן, פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער און באזיכער און שאפן נייע דזשאבס און צוציהען ביזנעסער צו אויסברייטן עקאנאמישע געלעגנהייטן ארום די גאנצע ראיאן."

[NY Forward](#) איז א באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען, ארבעטנדיג צוזאמען מיט די DRI צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון ניו יארק'ס שטאטישע צענטערן. דער פראגראם דינט קלענערע קאמיוניטיס מיט א היסטארישע כאראקטער וועלכע מאכן זיי אנדערש פון גרעסערע, מער שטאטישע צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס וועלכע ווערן געווענטליך פינאנצירט דורך די DRI. NY Forward קאמיוניטיס זענען פיסגייער-פריינטליכע, נישט געדיכטע געגנטער וועלכע דינען די ארטיגע קאמיוניטי און האבן א מער לאקאלע נאטור, זיך קאנצעטרירנדיג אויף די ארומיגע וואוינונגען אדער צענטרירן זיך ארום דארפישע אגריקולטורישע דעוועלאפמענט.

פונקט ווי די DRI וועט יעדע NY Forward קאמיוניטי אהערשטעלן א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאט צענטער דורך א רייע פון פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו דורכגעפירט ווערן. די דעפארטמענט או סטעיט וועט צושטעלן פארגרעסערטע טעכנישע הילף צו בעסער שטיצן קלענערע קאמיוניטיס וואס קענען האבן ווייניגער יכולות'ן אלץ טייל פון דערNY Forward פראגראם און פינאנצירן פאסיגע פראפארציע צו דער גרייס פון יעדע קאמיוניטי. פראיעקטן קענען ארייינרעכענען רענאוואציע און איבערבויאונגען, נייע קאנסטרוקציע אדער אויפבויאונג פון נייע אדער פארבעסערטע פובליק ערטער, און אזוי אויך אנדערע פראיעקטן צו פארבעסערן ספעציפישע קולטורישע, היסטארישע קוואליטעטן וועלכע פארשטערקערן די געפיל פון די שטעטלישע חן.

## סליפּי האַלאָו

די ווילעדזש אָוו סליפּי האַלאָו איז באקאנט פארן זיין בארימט אין ליטעראטור, צענטרירט ארום די געשיכטע 'די לעגענדע פון סליפּי האַלאָו'. סליפּי האַלאָו'ס שטאט-צענטער באשטייט פון געדיכטע ביזנעס געגנטער מיט פארשידענע באנוצן — רוב פון די געביידעס האבנדיג געבויט געווארן אין די צווייטע האלב פון די 19'טע יאר הונדערט, און מיט ברייטע צוטריט מיט פארשידענע טראנספארטאציע מיטלען און א שטארקע טוריזם אינדוסטריע. די ווילעדזש טיילט מיט א לעבהאפטיגע פארמערס מארקעט – די טעריטאַון און סליפּי האַלאָו פארמערס מארקעט – מיט איר שכנות'דיגע קאמיוניטי, און עס איז ערוויילט געווארן צו בלייבן ביז די לעצטע רונדע פון קאנקורירנדע מארקעטס צו ווערן דעזיגנירט אלץ אמעריקע'ס באליבטע פארמערס מארקעט, און עס הייסט אלץ איינס פון די פינף בעסטע פארמערס מארקעטס אין ניו יארק סטעיט. סליפּי האַלאָו אפפערט אויך א רייע פון אנדערע עסנווארג אויסוואלן, און קליינע 'פון פארעם צום טיש' און האנט-ווערק רעסטוראנטן האבן לעצטנס באשלאסן זיך צו עפענען אין די ווילעדזש. סליפּי האַלאָו'ס שטאטישע צענטער איז ארומגענומען מיט צוויי ברייט-באנוצטע פובליק פארקס, רעווערענד סקייס פארק און בארנהארט פארק, און עס האט אן אויסערגעוועגטליכע אויסבליק אויף די האדסאן ריווער.

סליפּי האַלאָו האט לעצטנס געזעהן באנייטע אינוועסטירונג פון גרויסע אינסטיטוציעס און ביזנעסער, אריינרעכענענדיג פון ראיאנישע העלט צענטערן און פון Regeneron Pharmaceuticals, און אזוי אויך באדייטנדע פריוואטע אינוועסטירונגען צו אויפבויען פריוואטע וואוינונג יוניטס פאר כמעט 3,000 נייע איינוואוינער. כדי צו קענען ערפאלגרייך אויסנוצן די געלעגנהייט וואס די אינוועסטירונגען ברענגען, זוכט סליפּי האַלאָו צו מאכן זייערע געסער מער ציהענד און זיכערער מיט אייגנארטיגע פארבעסערונגען, און אזוי אויך זוכט זי צו איבערבויען ליידיגע און נישט אויסגענוצטע שטחים און צו צולייגן נאך הייזער מיט פארשידענע פרייזן — ערמעגליכנדיג די ווילעדזש נאכאמאל צו בליהען.

## קארנוואל און קארנוואל-אָן-האדסאן

די טאון אָוו קארנוואל נעמט ארום און רעכנט אריין די ווילעדזש אָוו קארנוואל-אָן-האדסאן, און ביידע פון זיי ליגן אויף די ברעגעס פון די האדסאן ריווער, איינגענעסט צווישן די בערג פון די האדסאן היילענדס און סטארם קינג מאונטעין. די טאון אָוו קארנוואל און די ווילעדזש אָוו קארנוואל-אָן-האדסאן האבן ביידע קלאר ארויסשטייענדע פיסגייער-פריינטליכע שטאטישע געגנטער וועלכע זענען ווייניגער פון צוויי מייל אפגערוקט, און זיי זענען פול מיט פארשידנארטיגע עפנטליכע פלעצער און אינסטיטוציעס ווי די DeCicco Family Market, די איינציגסטע פרישע עסן מארקעט אין קארנוואל, און ריווערלייט פארק וואו די קארנוואל פארמערס מארקעט און די טאון'ס 'זומער מוזיק אין די פארק' סעריע ווערן אפגעהאלטן. אין און ארום קארנוואל געפונען זיך קריטישע קאמיוניטי און ראיאנישע אוצרות וועלכע ציהען צו זיך הונדערטע טויזנטע באזיכער יעדעס יאר, ווי סטארם קינג סטעיט פארק, די סטארם קינג קונסטווערק צענטער, די האדסאן היילענדס נאטור מוזעאום, די פאראייניגטע שטאטן מיליטער אקאדעמיע ביי וועסט פוינט, די Brotherhood Winery, Woodbury Common און מער.

קארנוואל האט לעצטנס געזעהן אן ארייננפלוס פון באזיכער אין לעצטערע יארן, טיילווייז צוליב אט די דערנעבנדע אטראקציעס. די טאון און ווילעדזש פלאנירן פאר- און אינוועסטירן אין אויפלעבונג באמיאונגען וועלכע וועלן מאכן די שטאטישע צענטערן פאר אן אייגנארטיגע דעסטינאציע אין א געגנט וואס איז פול מיט אטראקציעס בשעת'ן פארזעצן צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער פון די קאמיוניטי. צו נאך מער פאראויס רוקן די פארשריט זוכן די טאון אָוו קארנוואל און די ווילעדזש אָוו קארנוואל-אָן-האדסאן צו פארבינדן זייערע צוויי שטאטישע צענטערן, צו באררייכערן די אויסקוק פון די געסער און פארבעסערן עפנטליכע פלעצער און אויפלעבן נישט אויסגענוצטע געביידעס און ערטער ארום די גאנצע געגנט.

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "NY Forward ציהלט קלענערע שטאטישע צענטערן צו העלפן זיכער מאכן אז קיין איין קאמיוניטי, נישט קיין חילוק ווי גרויס אדער פון וועלכער כאראקטער, ווערט נישט אויסגעלאזט פון ניו יארק'ס שטאטישע צענטער מהפכה. מיט זייערע סטראטעגישע לאקאציעס לענגאויס די פאנאראמישע האדסאן ריווער און פארשידנארטיגע געאפפערטע אייגנארטיגע עפנטליכע פלעצער און אטראקציעס, זענען סליפּי האַלאָו און קארנוואל גרייט פאר א באנייטע עקאנאמישע אויפשטייג, און די NY Forward געלטער וועלן העלפן די קאמיוניטיס פארווירקליכן זייער חזון. איך קוק ארויס צו זעהן וואס די צוקונפט ברענגט פאר סליפּי האַלאָו, קארנוואל און פאר די גאנצע מיד-האדסאן ראיאן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "נעמנדיג די סיגנאל פון די DRI פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג, איז NY Forward'ס קאנצענטרירטע צוגאנג געציהלט צו אויפלעבן שטאטישע צענטערן אין קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס ארום די סטעיט. די גרענטס אין די ערשטע רונדע וועלן צולייגן צו די לעגענדעס פון די ווילעדזש אָוו סליפּי האַלאָו און די טאון אָוו קארנוואל צו נאך מער באררייכערן די צענטערן פון קונסטווערק, היסטאריע און נאטורליכע שיינקייט, פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן און פארשטערקערן די טוריזם עקאנאמיע."

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו זעהן די ענדערונגען וואס די אינוועסטירונגען דורך די ערשטער רונדע פון די גאווערנער'ס 100 מיליאן דאלארדיגע NY Forward פראגראם וועט העלפן פאראויס רוקן. די ווילעדזש אָוו סליפּי האַלאָו – שוין יעצט באקאנט פאר איר ראלע אלץ די סצענע וואו וואשינגטאן אירווינג'ס פיקציע שפילט זיך אפ און פאר איר פאנטאסטישע פארמערס מארקעט – קען אויפבויען א מער איינהייטליכע און פונדאסנייע אויפגעלעבטע שטאט צענטער וואס מוטיגט מער פארבייגייער און צו קענען איבערבויען ליידיגע אדער נישט אויסגענוצטע פראפערטיס צו ווערן נייע הייזער און ביזנעסער. קארנוואל און קארנוואל-אָן-האדסאן האבן פלענער צו פארשטערקערן די רייך פון זייערע אייגענע שטאטישע צענטערן, צו באררייכערן פובליק פלעצער און רענאווירן אדער איבערבויען פראפערטיס וועלכע שטייען צוחרוב'ט. יעצט קענען די פלענער ווערן פארווירקליכט."

**מיד-האדסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Mid-Hudson Regional Economic Development Council) קאָו-טשעירס, דר. מארשא גארדאן, פרעזידענט און CEO פון די ביזנעס קאונסיל פון וועסטשעסטער, און דר. קריסטין יאנג, פרעזידענט פון SUNY אראנדזש, האבן געזאגט,** "אין נאמען פון די קאונסיל ווילן מיר אנוואונטשן סליפּי האַלאָו און קארנוואל פארן אויסגעקליבן ווערן צו באקומען NY Forward געלטער. די פינאנצירונג וואס ווערט געשאנקען דורך דעם פראגראם וועט העלפן די קאמיוניטיס זיך פאראויס צו רוקן מיט אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן מוטיגן נייע אינוועסטירונגען און נייע ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופּיס האט געזאגט,** "קארנוואל האט אלע אייגנשאפטן פון א געוואלדיגע האדסאן וואלי שטאט-צענטער: עס איז פריינטליך צו פיסגייער, האט גרינגע צוטריט צו די

טייך און אסאך דרויסדיגע פארוויילונג מעגליכקייטן, א געזונטע ביזנעס קאמיוניטי, גוטע סקולס און זיין נאענט צו קולטורישע אוצרות. און אלץ א קארנוואל איינוואוינער, ווייס איך גענוי ווי נאענט די טאון און ווילעדזש שטייען צום פארווירקליכן זייער פולע פאטענציאל. די NY Forward געלטער זענען גענוי דאס וואס אונזער קאמיוניטי דארף צו קענען אויספלאסטערן א וועג פאראויס פאר אן ערפאלגרייכע און שטאנדהאפטיגע צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מערידזשעין שימסקי האט געזאגט,** "סליפי האַלאָו איז א קליינע ווילעדזש וואס געפונט זיך אין מיטן פון א גרויסע מהפכה. מיט כמעט 3,000 האוזינג יוניטס צוקומענדיג אויף די וואסער ברעגע, איז דאס אויפלעבן די ווילעדזש'ס פארעלטערנדע שטאטישע צענטער קריטיש פאר די קאמיוניטי'ס הצלחה. די NY Forward גרענט וועט ערמעגליכן די מענטשן פון סליפי האַלאָו צו האבן א בליהענדע ביזנעס דיסטריקט וואס פייערט די ווילעדזש'ס היסטארישע ירושה. איך באדאנק גאווערנער האקול און דעם NY Forward פראגראם פארן אנערקענען די ווערט פון אינוועסטירן אין סליפי האַלאָו."

**אסעמבלי מיטגליד קריס איטשוס האט געזאגט,** "די טאון אָוו קארנוואל און די ווילעדזש אָוו קארנוואל-אָן-האדסאן שטייען נאענט צו מערערע לאקאלע אטראקציעס, אריינרעכענענדיג די סטארם קינג קונסטווערק צענטער, Woodbury Commons און Brother Winery. דאס האט רעזולטירט אין א געגנט מיט וואקסנדע טוריזם און א נויט פאר א בליהענדע שטאט-צענטער וואס שטימט מיט דעם. די פארגעשלאגענע 4.5 מיליאן דאלאר וואלט נישט געקענט קומען אין א בעסערע צייט צו נאכקומען די באדערפענישן פון דעם מאמענט. די גאווערנער'ס אנערקענונג פון די גרויסע פאטענציאל און אירע אמביציעזע שריט אין שטיצע פון די האדסאן וואלי מוזן אפלאדירט ווערן."

**סליפי האַלאָו מעיאר קענעט רעי האט געזאגט,** "עס דערפרייידט אונז צו באקומען די 4.5 מיליאן דאלארדיגע גרענט אלץ טייל פון דעם NY Forward פראגראם. מיר באדאנקען די גאווערנער פארן אנערקענען די באדייטפולע עררייכונגען פון סליפי האַלאָו צו פארמערן איר עקאנאמישע אנטוויקלונג בשעת'ן אויך פארגרעסערן די צאל פון אפאָרדעבעל הייזער. די גרענט ערמעגליכט אונז צו אויפלעבן אונזער שטאטישע צענטער צו ווערן א ראיאנישע אטראקציע פאר באזיכער פון ווייט און נאענט, בויענדיג דערמיט א יסוד פאר אונזערע פילע קליינע ביזנעסער וועלכע זענען טייער און באליבט אויף אלע איינוואוינער."

**קארנוואל טאון סופערווייזאר דזשאש וואָודזשעהאַוסקי האט געזאגט,** "קארנוואל ארבעט שוין פאר עטליכע יאר צו אויפלעבן איר הויפט גאס און אירע שטאטישע געגנטער צו אויסנוצן די הויכע צאל באזיכער וועלכע קומען פאר א הייק אויף אונזערע טרעילס, צו שיפלען אויף אונזערע טייכן און צו באזוכן וועלט'ס-בארימטע אינסטיטוציעס. די NY Forward גרענט וועט ערלויבן אונזער קאמיוניטי צו נעמען די באמיאונגען צו די קומענדיגע שטאפל דורכן צוזאמבינדן צוויי שטאטישע צענטערן דורך פיסגייער-פריינטליכע פראיעקטן, זיך באנוצן מיט פובליק קונסטווערק, שאפן נאך אפענע שטחים און אנדערע איינריכטונגען."

**קארנוואל-אָן-האדסאן מעיאר דזשעימס געגליענאו האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע און פרייד פאר די ווילעדזש אָוו קארנוואל-אָן-האדסאן, ניו יארק צו האבן אריינגעגאנגען אין א שותפות מיט אונזער נאענטע שכן, די טאון אָוו קארנוואל, און צו האבן באקומען די נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס אז אונזער קאמיוניטי איז אויסגעקליבן געווארן צו באקומען א New York Forward גרענט. אונזער דעטאלירטע, קלוגע און רעאליסטישע פלאן צו פארמערן די פיסגייער-פריינטליכקייט, פארבינדונג און ציהאונג פון אונזערע פארבינדענע שטאטישע ביזנעס דיסטריקטס וועט גאר שטארק בענעפיטירן פון די גרענט. גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט דורכן גיבן מוהט און שטיצע פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו אריבער די סטעיט צאלט זיך אפ. עס מאכט באמת אויס גאר אסאך פאר אונזער קאמיוניטי."

די מיד-האדסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן דורך קאמיוניטיס פון אריבער די גאנצע ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען די פאלגנדע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן די קאמיוניטיס אלץ נאמינירטע:

- דאונטאון איז קאמפאקט, מיט גוט אפגעצייכנטע גרענעצן;
- דאונטאון קען אויסניצן אויף פריעריגע, אדער גורם זיין צוקונפדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען;
- לעצטע אדער קומענדיגע פאסטן געוואוקס פון אינעווייניג אדער נאענט צו אזא דאונטאון וואס קען צוציהען ארבייטער, שטיצן איבער-אנטוויקלען און מאכן וואוקס שטאנדהאפטיג;
- דאונטאון איז אן אטראקטיווע און א וואוינארט קאמיוניטי פאר פילמיניגע באפעלקערונג;
- די מוניציפאליטעטן נעמט זיך אונטער, אדער האט די מעגליכקייט צו שאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערן איינוואוינער-פריינטליכקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט האט דורכגעפירט אן אפענע און שטארקע פראצעדור צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי צו אהערשטעלן אן ערשטיגע ליסטע פון פראיעקטן און איניציאטיוון פאר אויפלעבונג פון די דאונטאון און קענען אריינגעלייגט ווערן אין א DRI סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן;
- די מוניציפאליטעט האט אידענטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו ווערן דורכגעפירט מיט א פלוס פון NY Forward געלטער; און
- די מוניציפאליטעט האט די לאקאלע קאפאציטעט צו פארוואלטן אויף די פלאנירונג און דורכפיירונג פון פראיעקטן, אריינרעכענענדיג די מעגליכקייט צו איבערזעהן קאנטראקטן פאר מוניציפאלע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען געלט פון די גרענט.

סליפי האַלאָו און קארנוואל וועלן יעצט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן זייערע שטאטישע צענטערן. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די ארבעט, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט נעמען אין באטראכט לאקאלע פארמעגנס און געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די חזון פון יעדע קאמיוניטי און אזעלכע וועלכע זענען גרייט צו אויסגעפירט ווערן. די געלטער וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אויסדערוועהלטע פראיעקטן פון די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועלכע האבן די גרעסטע פאטענציאל צו אונטערהייבן אויפלעבונג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418